Fun farsheydene ekn fun land, fun di vaytste vinklekh flegn kumen fusgeyer tsum heylikn templ—tsum Beys-Hamikdesh mit zeyere korbones. A sakh arbet iz demolt geven far Gots diner—far di koyhanim, un zey flegn derbay gor nit shlekht fardinen.

**Vos vayter me hot zikh opgerukt in tsayt fun dem emesn urshprung fun di korbones un der matse, fun dem uraltn getsndinerishn friling-yontev, alts mer hot di koyhanim-kaste tsugegebn naye mayses un vunder tsum yontev, alts naye dinim far im tsugetrakht un hobn im oyf lang farfestikt als dem grestn yontev fun natsyonaln Got.**

**In der gantser oysgetrakhter mayse fun Yetsies-Mitsraim gefint ir nit keyn eyn vort vegn dem, az dos folk aleyn zol oyfshteyn kegn zayne unterdriker, az dos folk aleyn zol khotsh protestirn kegn knekhtshaft.** Dos folk hot nor gekrekhtset, un Got hot gehert zayne geshrayen. Der hoyptheld fun der legende iz nit dos folk, nor Got—der Got fun vunder un kuntsn, a Got fun tsorn—far di, vos dinen im nit, un fun rakhmones—far di, velkhe

לעגענדע. באַ די ייִדן זײַנען געווען ניט ווייניק אַלטע מײַסעס [מעשׂיות], וואָס האָבן געשטאַמט פֿון דער צײַט, ווען די פֿאַרשיידענע שוואָטים [שבֿטים] פֿון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן דערנאָך דאָס ייִדישע פֿאָלק, האָבן געפֿירט אַ וואַנדער־לעבן, פֿלעגן אַרײַנדרינגען אין פֿאַרשיידענע לענדער, קעמפֿן מיט פֿאַרשיידענע פֿעלקער. די קויהאַנים [כּהנים] האָבן די פֿאַרשיידענע לעגענדעס „באַאַרבעט" און „צוגעפּאַסט" צו זייערע צילן. דעם הויפּטהעלד פֿון די מײַסעס [מעשׂיות] האָבן זיי געמאַכט דעם גאָט, וועלכן זיי דינען.

פֿון פֿאַרשיידענע עקן פֿון לאַנד, פֿון די ווײַטסטע ווינקלעך פֿלעגן קומען פֿוסגייער צום הייליקן טעמפּל—צום בייס־האַמיקדעש [בית־המיקדש] מיט זייערע קאָרבאָנעס [קרבנות]. אַ סאַך [סך] אַרבעט איז דעמאָלט געווען פֿאַר גאָטס דינער—פֿאַר די קויהאַנים [כּהנים], און זיי פֿלעגן דערבײַ גאָר ניט שלעכט פֿאַרדינען.

וואָס ווײַטער מע האָט זיך אָפּגערוקט אין צײַט פֿון דעם עמעסן [אמתן] אורשפּרונג פֿון די קאָרבאָנעס [קרבנות] און דער מאַצע [מצה], פֿון דעם אוראַלטן געצנדינערישן [געצן־דינערישן] פֿרילינג־יאָנטעוו [יום־טובֿ], אַלץ מער האָט די קויהאַנים־קאַסטע [כּהנים] צוגעגעבן נײַע מײַסעס [מעשׂיות] און ווונדער צום יאָנטעוו [יום־טובֿ], אַלץ נײַע דינים פֿאַר אים צוגעטראַכט און האָבן אים אויף לאַנג פֿאַרפֿעסטיקט אַלס דעם גרעסטן יאָנטעוו [יום־טובֿ] פֿון נאַציאָנאַלן גאָט.

אין דער גאַנצער אויסגעטראַכטער מײַסע [מעשׂה] פֿון יעציעס־מיצראַים [יציאת־מצרים] געפֿינט איר ניט קיין איין וואָרט וועגן דעם, אַז דאָס פֿאָלק אַליין זאָל אויפֿשטיין קעגן זײַנע אונטערדריקער, אַז דאָס פֿאָלק אַליין זאָל כאָטש פּראָטעסטירן קעגן קנעכטשאַפֿט. דאָס פֿאָלק האָט נאָר געקרעכצעט, און גאָט האָט געהערט זײַנע געשרײַען. דער הויפּטהעלד פֿון דער לעגענדע איז ניט דאָס פֿאָלק, נאָר גאָט—דער גאָט פֿון ווונדער און קונצן, אַ גאָט פֿון צאָרן—פֿאַר די, וואָס דינען אים ניט, און פֿון ראַכמאָנעס [רחמנות]—פֿאַר די, וועלכע זײַנען אים

zaynen im untertenik. A Got, vos kon mit a mol onshikn layz on a shir, zhabes on a tsol, krets oyfn gantsn layb, blut oyfn gantsn land. Er kon hargenen ale pkhoyrim, kon fun a shtekn makhn a shlang, kon mit eyn mol trukn makhn dem yam, shit fun himl man, vos hot a tam, velkhn ir vilt: fun fleysh, fun fish, kez, puter, tsholnt. Iz dos nit keyn groyser Got? Kon men far im nit moyre hobn? Darf men im, aza tayern Got, nit libn? Iz er nit vert, az me zol im brengen korbones?

Der Beys-Hamikdesh iz khorev gevorn, di korbones—botl gevorn. Gots diner zaynen ober geblibn, zey zorgn, az der gloybn fun folk zol kholile nit shvakher vern, az di hakhnoses far Gots dinst zoln nit klener vern. Korbones vern farbitn mit tfiles, s'vaksn di tsol mitsves, velkhe yeder Yid muz oysfiln kegn Got, semern zikh di aveyres, mit velkhe me kon Got dertsorenen, un a gantser hogl fun dinim shitn zikh oyf di Yidishe kep, dinim vos me meg ton un vos me tor nit ton; dinim vegn dem, vos Got vil, az me zol ton in der fri, un vos ba nakht; vos far a tfile darf men zogn bam oyfshteyn, un vos far a tfile bam leygn zikh shlofn; vos far a brokhe farn esn, un vosere nokhn esn; vos far a brokhe oyf broyt, un velkhe oyf vaser; vi loybt men Got far kartofl, un vi far epl; vi far hirzhene kashe, un vi far knishes; vos far a komplimentn makht men Got derfar, vos er hot gemakht a mogn bam mentshn, un vi zol men im loybn derfar, vos er makht a regn-boygn. Me darf hobn Gots brokhe oyf khasene hobn, on zayn derloybenish tor men zikh nit getn. Nor ba zayn heyliker Toyre kon men dos kind a nomen gebn, un nokh zayn gebot nokh darf men dos kind mal zayn; tsulib im darf men pidyen-haben makhn, im darf men zogn haleluyo; zayn heylikn nomen iz gevidmet asher-yotser; er vil nit, az me zol far zeks sho esn milkhiks nokh fleyshiks; er kon dos nit fartrogn, ven me farbayt a fleyshike lefl oyf a milkhike; er vil, az me zol

אונטערטעניק. אַ גאָט, וואָס קאָן מיט אַ מאָל אָנשיקן לײַז אָן אַ שיר [שיעור], זשאַבעס אָן אַ צאָל, קרעץ אויפֿן גאַנצן לײַב, בלוט אויפֿן גאַנצן לאַנד. ער קאָן האַרגענען [הרגענען] אַלע בכויירים [בכורים], קאָן פֿון אַ שטעקן מאַכן אַ שלאַנג, קאָן מיט איין מאָל טרוקן מאַכן דעם יאַם [ים], שיט פֿון הימל מאַן, וואָס האָט אַ טאַם, וועלכן איר ווילט: פֿון פֿלייש, פֿון פֿיש, קעז, פּוטער, טשאָלנט. איז דאָס ניט קיין גרויסער גאָט? קאָן מען פֿאַר אים ניט מוירע [מורא] האָבן? דאַרף מען אים, אַזאַ טײַערן גאָט, ניט ליבן? איז ער ניט ווערט, אַז מע זאָל אים ברענגען קאָרבאָנעס [קרבנות]?

דער בייס־האַמיקדעש [בית־המיקדש] איז כאָרעוו [חרובֿ] געוואָרן, די קאָרבאָנעס [קרבנות]—באָטל [בטל] געוואָרן. גאָטס דינער זײַנען אָבער געבליבן, זיי זאָרגן, אַז דער גלויבן פֿון פֿאָלק זאָל כאָלילע [חלילה] ניט שוואַכער ווערן, אַז די האַכנאָסעס [הכנסות] פֿאַר גאָטס דינסט זאָלן ניט קלענער ווערן. קאָרבאָנעס [קרבנות] ווערן פֿאַרביטן מיט טפֿילעס [תּפֿילות], ס׳וואַקסן די צאָל מיצוועס [מיצוות], וועלכע יעדער ייִד מוז אויספֿילן קעגן גאָט, סעמערן זיך די אַווייִרעס, מיט וועלכע מע קאָן גאָט דערצאָרענען, און אַ גאַנצער האָגל פֿון דינים שיטן זיך אויף די ייִדישע קעפּ, דינים וואָס מע מעג טאָן און וואָס מע טאָר ניט טאָן; דינים וועגן דעם, וואָס גאָט וויל, אַז מע זאָל טאָן אין דער פֿרי, און וואָס באַ נאַכט; וואָס פֿאַר אַ טפֿילע [תּפֿילה] דאַרף מען זאָגן באַם אויפֿשטיין, און וואָס פֿאַר אַ טפֿילע [תּפֿילה] באַם לייגן זיך שלאָפֿן; וואָס פֿאַר אַ בראָכע [ברכה] פֿאַרן עסן, און וואָסערע נאָכן עסן; וואָס פֿאַר אַ בראָכע [ברכה] אויף ברויט, און וועלכע אויף וואַסער; ווי לויבט מען גאָט פֿאַר קאַרטאָפֿל, און ווי פֿאַר עפּל; ווי פֿאַר הירזשענע קאַשע, און ווי פֿאַר קנישעס; וואָס פֿאַר אַ קאָמפּלימענטן מאַכט מען גאָט דערפֿאַר, וואָס ער האָט געמאַכט אַ מאָגן באַם מענטשן, און ווי זאָל מען אים לויבן דערפֿאַר, וואָס ער מאַכט אַ רעגן־בויגן. מע דאַרף האָבן גאָטס בראָכע אויף כאַסענע [חתונה] האָבן, אָן זײַן דערלויבעניש טאָר מען זיך ניט געטן. נאָר באַ זײַן הייליקער טוירע [תּורה] קאָן מען דאָס קינד אַ נאָמען געבן, און נאָך זײַן געבאָט נאָך דאַרף מען דאָס קינד מאַל [מל] זײַן; צוליב אים דאַרף מען פּידיען־האַבען [פּדיון־הבן] מאַכן, אים דאַרף מען זאָגן האַלעלויאָ [הללויה]; זײַן הייליקן נאָמען איז געווידמעט אַשער־יאָצער; ער וויל

ophitn Peysekh nokh ale dinim, s'zol kholile keyn brekl khomets in a Yidisher shtub nit zayn.

Dinim on shir un on a tsol, mitsves nit tsu tseyln. Aveyres nit ibertsurekhenen.

Un far a kleynink aveyrele shtroft oft Got, vi far a groyser. Kedey tsu rateven Gots folk fun shtrof far zind, vos yeder mentsh kon ton, bavustzinik oder nit bavustzinik, zorgn far im di kley-koydesh, Gots diner: rabonim, shokhtim, dayonim, velkhe veysn pinktlekh Gots dinim. Veysn—vos Got derloybt un vos er farbot. Zey lernen dos folk Gots Toyre, zey derklern yeder os fun der heyliker Toyre, zey paskenen shayles, vos treyf iz un vos kosher, vos me meg ton un vos me tor nit, zey zaynen mesader kedushn unter der khupe un shraybn di tsvelf shures ba get. Zorgn far di lebedike un zeen, az zey zoln hobn a koshere mikve. Zey daygen far di toyte un farzorgn zey mit a khevre-kedishe, mit kadesh, mit likht, mit yortsayt. On a rov un a shoykhet iz gor dos lebn keyn lebn nit, vayl on zey kon men kholile opton azelkhe maysim, az Got vet dos keyn mol nit moykhl zayn: s'iz rekht, az me zol bentshn mit an esreg on a pitem, me zol lib hobn a meydl on a brokhe, me zol gor, nit for keyn Yidn gedakht, a posele mezuze hobn bam tir.

Haynt Peysekh! Peysekh on dem rov un on dem shoykhet kon

ניט, אַז מע זאָל פֿאַר זעקס שאָ עסן מילכיקס נאָך פֿליישיקס; ער קאָן דאָס ניט פֿאַרטראָגן, ווען מע פֿאַרבײַט אַ פֿליישיקע לעפֿל אויף אַ מילכיקע; ער וויל, אַז מע זאָל אָפּהיטן פּייסעך [פּסח] נאָך אַלע דינים, ס׳זאָל כאָלילע [חלילה] קיין ברעקל כאָמעץ [חמץ] אין אַ יידישער שטוב ניט זײַן.

דינים אָן שיר [שיעור] און אָן אַ צאָל, מיצוועס [מיצוות] ניט צו ציילן. אַווייראַס [עבֿירות] ניט איבערצורעכענען.

און פֿאַר אַ קליינינק אַווייראַלע [עבֿירהלע] שטראָפֿט אָפּט גאָט, ווי פֿאַר אַ גרויסער. קעדיי [כּדי] צו ראַטעווען גאָטס פֿאָלק פֿון שטראָף פֿאַר זינד, וואָס יעדער מענטש קאָן טאָן, באַוווּסטזיניק אָדער ניט באַוווּסטזיניק, זאָרגן פֿאַר אים די קליי־קוידעש [כּלי־קודש], גאָטס דינער: ראַבאָנים [רבנים], שאָכטים [שוחטים], דײַאָנים [דיינים], וועלכע ווייסן פּינקטלעך גאָטס דינים. ווייסן — וואָס גאָט דערלויבט און וואָס ער פֿאַרבאָט. זיי לערנען דאָס פֿאָלק גאָטס טוירע [תּורה], זיי דערקלערן יעדער אָס [אות] פֿון דער הייליקער טוירע [תּורה], זיי פּאַסקענען [פּסקענען] שײַלעס [שאלות], וואָס טרייף איז און וואָס קאָשער, וואָס מע מעג טאָן און וואָס מע טאָר ניט, זיי זײַנען מעסאַדער [מסדר] קעדושן [קידושין] אונטער דער כופּע [חופּה] און שרײַבן די צוועלף שורעס [שורות] באַ געט [גט]. זאָרגן פֿאַר די לעבעדיקע און זעען, אַז זיי זאָלן האָבן אַ קאָשערע [כּשרע] מיקווע [מיקווה]. זיי דײַגען [דאגהן] פֿאַר די טויטע און פֿאַרזאָרגן זיי מיט אַ כעוורע־קעדישע [חבֿרה־קדישא], מיט קאַדעש [קדיש], מיט ליכט, מיט יאָרצײַט. אָן אַ ראָוו [רבֿ] און אַ שויכעט [שוחט] איז גאָר דאָס לעבן קיין לעבן ניט, ווײַל אָן זיי קאָן מען כאָלילע [חלילה] אָפּטאָן אַזעלכע מײַסים [מעשׂים], אַז גאָט וועט דאָס קיין מאָל ניט מויכל [מוחל] זײַן: ס׳איז רעכט, אַז מע זאָל בענטשן מיט אַן עסרעג [אתרוג] אָן אַ פּיטעם [פּיטום], מע זאָל ליב האָבן אַ מיידל אָן אַ בראָכע [ברכה], מע זאָל גאָר, ניט פֿאָר קיין יידן געדאַכט, אַ פּאָסעלע [פּסולע] מעזוזע [מזוזה] האָבן באַם טיר.

הײַנט פּייסעך [פּסח]! פּייסעך [פּסח] אָן דעם ראָוו [רבֿ] און אָן דעם

men take dokh nit oyskumen! Vi vet ir oyskumen on a rov, ven ir vet gefinen a gershtn in gekekhts? Un vos vet ir take ton, az a khometsdike goye vet zikh onrirn on der Peysekhdiker deyzhke burikes, un ba vemen vet ir "farkoyfn" ayer khomets, ver vet aykh bazorgn mit kharoyses, mit shmure-matse, un ver vet aykh derklern, vi tsu kashern ayere fanen un lefl? Alts der rov!

Der getsndinerisher korbn dem kaasdikn got oyf dem fayersh-payendikn Barg Sinai, dos frishinke kikhl, vos di getsndiner—erdar-beter flegn brengen in friling a matone zeyer got, iz mit der hilf fun di rabonim, khakhomim sof-kol-sof gevorn a yontev, ven keyn brekl broyt tor zikh in shtub nit gefinen, ven di keylim, vos me nitst a gants yor, darfn oyfn beydem aroyfgetrogn vern, ven alts, vos ir hot tsuge-greyt esn a gants yor, tort ir nit gebroykhn, ayer gantsn khomets muzt ir farbrenen.

Shtark iberboygn dem shtekn iz ober geferlekh. Di rabonim farshteyen, az a bafel tsu farbrenen dem gantsn khomets vet fun zeyer praktisher kehile nit oysgefirt vern. A tsu tayere mitsve far zey! Un beemes, ver vet fun aza mayse fardinen? Di rabonim faln ober oyf a getlekhn aynfal. Anshtot dem khomets tsu farbrenen, gibn zey an eytse im oyf der tsayt fun Peysekh tsu farkoyfn a goy. Di gantse eyde Yidn farkoyfn yederer bazunder dem khomets dem rov, oder dem shoykhet (azoy oyf tsu kloymersht), un zey farkoyfn shoyn dem khomets dem bod-goy. Tsu der origineler komertsyeler operatsye leygt der rov un der shoykhet gor veynik tsu. Zey fardinen a sakh mer eyder der bod-goy, velkher vert arayngetsoygn far a por gildn in dem

שויכעט [שוחט] קאָן מען טאַקע דאָך ניט אויסקומען! ווי וועט איר אויסקומען אָן אַ ראָוו [רבֿ], ווען איר וועט געפֿינען אַ גערשטן אין געקעכטס? און וואָס וועט איר טאַקע טאָן, אַז אַ כאָמעצדיקע [חמצדיקע] גויע וועט זיך אָנרירן אָן דער פּייסעכדיקער [פּסחדיקער] דייזשקע בוריקעס, און באַ וועמען וועט איר „פֿאַרקויפֿן" אײַער כאָמעץ [חמץ], ווער וועט אײַך באַזאָרגן מיט כאַרויסעס [חרוסת], מיט שמורע־מאַצע [שמורה־מצה], און ווער וועט אײַך דערקלערן, ווי צו קאַשערן [כּשרן] אײַערע פֿאַנען און לעפֿל? אַלץ דער ראָוו [רבֿ]!

דער געצנדינערישער [געצן־דינערישער] קאָרבן [קרבן] דעם קאַסדיקן [קאַעסדיקן] גאָט אויף דעם פֿײַערשפּײַענדיקן באַרג סינאַי, דאָס פֿרישינקע קיכל, וואָס די געצנדינער [געצן־דינער]—ערדאַרבעטער פֿלעגן ברענגען אין פֿרילינג אַ מאַטאָנע זייער גאָט, איז מיט דער הילף פֿון די ראַבאָנים [רבנים], כאַכאָמים [חכמים] סאָף־קאָל־סאָף [סוף־כּל־סוף] געוואָרן אַ יאָנטעוו, ווען קיין ברעקל ברויט טאָר זיך אין שטוב ניט געפֿינען, ווען די קיילים [כּלים], וואָס מע ניצט אַ גאַנץ יאָר, דאַרפֿן אויפֿן ביידעם אַרויפֿגעטראָגן ווערן, ווען אַלץ, וואָס איר האָט צוגעגרייט עסן אַ גאַנץ יאָר, טאָרט איר ניט געברויכן, אײַער גאַנצן כאָמעץ [חמץ] מוזט איר פֿאַרברענען.

שטאַרק איבערבויגן דעם שטעקן איז אָבער געפֿערלעך. די ראַבאָנים [רבנים] פֿאַרשטייען, אַז אַ באַפֿעל צו פֿאַרברענען דעם גאַנצן כאָמעץ [חמץ] וועט פֿון זייער פּראַקטישער קעהילע [קהילה] ניט אויסגעפֿירט ווערן. אַ צו טײַערע מיצווע [מיצווה] פֿאַר זיי! און בעעמעס [באמת], ווער וועט פֿון אַזאַ מײַסע [מעשׂה] פֿאַרדינען? די ראַבאָנים [רבנים] פֿאַלן אָבער אויף אַ געטלעכן אײַנפֿאַל. אַנשטאָט דעם כאָמעץ [חמץ] צו פֿאַרברענען, גיבן זיי אַן אייצע [עצה] אים אויף דער צײַט פֿון פּייסעך [פּסח] צו פֿאַרקויפֿן אַ גוי. די גאַנצע אײדע יידן פֿאַרקויפֿן יעדערער באַזונדער דעם כאָמעץ [חמץ] דעם ראָוו [רבֿ], אָדער דעם שויכעט [שוחט] (אַזוי אויף צו קלוימערשט [כּלומרשט]), און זיי פֿאַרקויפֿן שוין דעם כאָמעץ [חמץ] דעם באָד־גוי. צו דער אָריגינעלער קאָמערציעלער אָפּעראַציע לייגט דער ראָוו [רבֿ] און דער שויכעט [שוחט] גאָר

shutfesdikn kunts optsunarn Got.

Ober khomets farbrenen iz a mitsve, un zi vert oykh oysgefirt. Mit a hiltserner lefl in eyn hant un mit a feder fun a hun in der anderer zukht der frumer Yid in ale vinkelekh di shtiklekh broyt, vos er aleyn hot mit etlekhe minut frier avekgeleygt, gefint zey, farshteyt zikh. Klaybt zey pinktlekh tsunoyf in der hiltserner lefl, makht derbay a brokhe, loybt dem Reboyne-shel-oylem, un oyf morgn farbrent er di lefl mit di breklekh in oyvn, makht, farshteyt zikh, vider a brokhe, un loybt nokh a mol Got, vos er hot zayn folk Yisroel gegebn aza sheyne mitsve, vi byer khomets.

Di ale mitsves mit zeyere protsedures zaynen pinktlekh fargeshribn in di heylike sforim. Far zeyer oysfirn vert tsugezogt oylem-habe, far zeyer nit oysfirn—di greste shtrofn fun groysn Yidishn Got.

Der gloybn in Got zol nit opgeshvakht vern, di vunder zayne zoln kholile nit fargesn vern, muzn zey fun yor tsu yor vider dertseylt vern in ale zeyere eyntslheytn ba a fayerlekh-gemakhter shtimung, mit farsheydene tseremonyes, mit simbolishe remozim.

Yeder zakh hot zayn bashtimt ort: der morer, di kharoyses, di zroye, di karpes,—Got zol aykh hitn avektsuleygn di zroye dort, vu es iz fargeshribn tsu leygn di kharoyses! Un esn zolt ir ongeleyenterheyt,

ווייניק צו. זיי פֿאַרדינען אַ סאַך [סך] מער איידער דער באָד־גוי, וועלכער ווערט אַרײַנגעצויגן פֿאַר אַ פּאָר גילדן אין דעם שוטפֿעסדיקן [שותּפֿותדיקן] קונץ אָפּצונאַרן גאָט.

אָבער כאָמעץ [חמץ] פֿאַרברענען איז אַ מיצווע [מיצווה], און זי ווערט אויך אויסגעפֿירט. מיט אַ הילצערנער לעפֿל אין איין האַנט און מיט אַ פֿעדער פֿון אַ הון אין דער אַנדערער זוכט דער פֿרומער ייִד אין אַלע ווינקעלעך די שטיקלעך ברויט, וואָס ער אַליין האָט מיט עטלעכע מינוט פֿריִער אַוועקגעלייגט, געפֿינט זיי, פֿאַרשטייט זיך. קלײַבט זיי פּינקטלעך צונויף אין דער הילצערנער לעפֿל, מאַכט דערבײַ אַ בראָכע [ברכה], לויבט דעם רעבוינע־שעל־אוילעם [רבונו־של־עולם], און אויף מאָרגן פֿאַרברענט ער די לעפֿל מיט די ברעקלעך אין אויוון, מאַכט, פֿאַרשטייט זיך, ווידער אַ בראָכע [ברכה], און לויבט נאָך אַ מאָל גאָט, וואָס ער האָט זײַן פֿאָלק איסראָעל געגעבן אַזאַ שיינע מיצווע [מיצווה], ווי ביער כאָמעץ [ביעור־חמץ].

די אַלע מיצוועס [מיצוות] מיט זייערע פּראָצעדורעס זײַנען פּינקטלעך פֿאַרגעשריבן אין די הייליקע ספֿאָרים [ספֿרים]. פֿאַר זייער אויספֿירן ווערט צוגעזאָגט אוילעם־האַבע [עולם־הבא], פֿאַר זייער ניט אויספֿירן—די גרעסטע שטראָפֿן פֿון גרויסן ייִדישן גאָט.

דער גלויבן אין גאָט זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן, די ווונדער זײַנע זאָלן כאָלילע [חלילה] ניט פֿאַרגעסן ווערן, מוזן זיי פֿון יאָר צו יאָר ווידער דערציילט ווערן אין אַלע זייערע איינצלהייטן באַ אַ פֿײַערלעך־געמאַכטער שטימונג, מיט פֿאַרשיידענע צערעמאָניעס, מיט סימבאָלישע רעמאָזים [רמזים].

יעדער זאַך האָט זײַן באַשטימט אָרט: דער מאָרער [מרור], די כאַרויסעס [חרוסת], די זרויע [זרוע], די קאַרפּעס [כּרפּס],—גאָט זאָל אײַך היטן אַוועקצולייגן די זרויע [זרוע] דאָרט, ווו עס איז פֿאַרגעשריבן צו לייגן די

hoybt oyf dem kos, ven s'iz ongevizn in der Hagode, est dem morer, punkt azoy vi Hilel hot im gegesn, ven der Beys-Hamikdesh iz nokh geven. Tut alts, vi Got hot geheysn. Got iz a groyser, a shtarker, a vunder-makher! Ot zog nokh a mol di Hagode, vestu zeen vos far a Got du host!

Gloyb in dayn Got, gloyb in zayne vunder, gloyb in zayn groyskeyt. Vestu nit gloybn, vestu zayn vunder nit dertseyln—bistu a roshe! Un veystu vos di Hagode heyst ton mit a roshe, vos gloybt nit in Gots vunder?—Hak im oys di tseyner, dem roshe, vayl er gloybt nit in Hakodesh Borekh Hu, un zog im, az ven azelkhe reshoim, vi er, voltn in Mitsraim geven, volt zey Got fun dort nit oysgeleyzt. Got hot lib nor di, vos gloybn in zayn koyekh un loybn zayn libn nomen.

Nor Got aleyn kon bafrayen, nor er perzenlekh, durkh zayne groyse vunder—azoy vert ibergekhazert on a shir mol in der Hagode.

Vifl tseyner voltn dos di rabonim darfn oysbrekhn (ven mevolt zey nor gelozn!) di reshoim, apikorsim, velkhe zingen in zeyer revolutsyonerer lid: "un keyner vet unz nit bafrayen, nit got aleyn un nit keyn held, mit unzer eygenem kley-zayen bafrayen veln mir di velt!"

Got hot zayn hoyz, Got rut in Tsyen, ahin hot er tsugezogt tsu brengen zayn folk Yisroel, ven dos folk vet dos ba im nor fardinen.

כּאַרויסעס [חרוסת]! און עסן זאָלט איר אָנגעלייענטערהייט, הויבט אויף דעם קאָס [כּוס], ווען ס׳איז אָנגעוויזן אין דער האַגאָדע [הגדה], עסט דעם מאָרער [מרור], פּונקט אַזוי ווי הילעל האָט אים געגעסן, ווען דער בייס־האַמיקדעש [בית־המיקדש] איז נאָך געווען. טוט אַלץ, ווי גאָט האָט געהייסן. גאָט איז אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, אַ ווּונדער־מאַכער! אָט זאָג נאָך אַ מאָל די האַגאָדע [הגדה], וועסטו זען וואָס פֿאַר אַ גאָט דו האָסט!

גלויב אין דײַן גאָט, גלויב אין זײַנע ווּונדער, גלויב אין זײַן גרויסקייט. וועסטו ניט גלויבן, וועסטו זײַן ווּונדער ניט דערציילן—ביסטו אַ ראָשע [רשע]! און ווייסטו וואָס די האַגאָדע [הגדה] הייסט טאָן מיט אַ ראָשע [רשע], וואָס גלויבט ניט אין גאָטס ווּונדער?—האַק אים אויס די ציינער, דעם ראָשע [רשע], ווײַל ער גלויבט ניט אין האַקאָדעש באָרעך הו [הקדוש ברוך הוא], און זאָג אים, אַז ווען אַזעלכע רעשאָים [רשעים], ווי ער, וואָלטן אין מיצראַיִם [מצרים] געווען, וואָלט זיי גאָט פֿון דאָרט ניט אויסגעלייזט. גאָט האָט ליב נאָר די, וואָס גלויבן אין זײַן קויעך [כּוח] און לויבן זײַן ליבן נאָמען.

נאָר גאָט אַליין קאָן באַפֿרײַען, נאָר ער פּערזענלעך, דורך זײַנע גרויסע ווּונדער—אַזוי ווערט איבערגעכאַזערט [איבערגעחזרט] אָן אַ שיר [שיעור] מאָל אין דער האַגאָדע [הגדה].

וויפֿל ציינער וואָלטן דאָס די ראַבאָנים [רבנים] דאַרפֿן אויסברעכן (ווען מעוואָלט זיי נאָר געלאָזן!) די רעשאָים [רשעים], אַפּיקאָרסים [אַפּיקורסים], וועלכע זינגען אין זייער רעוואָלוציאָנערער ליד: „און קיינער וועט אונז ניט באַפֿרײַען, ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד, מיט אונזער אייגענעם קליי־זײַען [כּלי־זיין] באַפֿרײַען וועלן מיר די וועלט!”

גאָט האָט זײַן הויז, גאָט רוט אין ציִען [ציון], אַהין האָט ער צוגעזאָגט צו ברענגען זײַן פֿאָלק איסראָעל [ישׂראל], ווען דאָס פֿאָלק וועט דאָס באַ

Un di Hagode-zoger, nokh dem, vi zey hobn dertseylt ale vunder fun Got, vos er hot gemakht ba Yetsies-Mitsraim, nokh dem, vi zey hobn im derfar geloybt un gedankt, nokh ale komplimentn, vos zey hobn gemakht in di haleluyos zeyer groysn, sheynem, klugn, raykhn, gutn Got,—nokh alem dem betn zey im, er zol zey bashern tsu derlebn di groyse simkhe, ven zey veln vider zayn in Yerusholaim, veln dort brengen korbones un veln shpritsn dos blut fun di gekoylete shepsn oyf di vent fun dem heylikn mizbeyekh.

**In tsvantsikstn yorhundert, in der tsayt fun luftshifn un radyo, in der epokhe fun sotsyalistishe revolutsyes—betn frume Yidn, Got zol zey baglikn, az zey zoln vider konen brengen korbones!**

Durkh oysgetrakhte mayses fun Yetsies-Mitsraim, durkh dertseylungen fun ibernatirlekhe vunder, in velkhe keyn eyn gebildeter mentsh kon nit gloybn, vayl er veyst di gezetsn fun der natur un di derklerung fun ire dershaynungen, durkh farsheydene tseremonyes, dinim, brokhes un tfiles zukht di klerikale kaste ayntsuhaltn dem gloybn in natsyonaln Got.

Tsuzamen mit der libe un moyre far dem Got fun Yisroel flantsn zey sine un has tsu ale andere felker, velkhe gloybn nit in YHWH, un dinen andere geter. Ven me efnt di tir in mitn oprikhtn dem seyder oyf arayntsulozn Eleyohu-Hanovi, far velkhn s'iz tsugegreyt a bazunder bekher vayn, betn di Hagode-zoger zeyer Got, er zol oysgisn zayn kas oyf di felker, vos dinen im nit un zol zey in gantsn farnikhtn fun der erd.

אים נאָר פֿאַרדינען. און די האַגאָדע־זאָגער [הגדה], נאָך דעם, ווי זיי האָבן דערציילט אַלע וווּנדער פֿון גאָט, וואָס ער האָט געמאַכט באַ יעציעס־מיצראַים [יציאת־מצרים], נאָך דעם, ווי זיי האָבן אים דערפֿאַר געלויבט און געדאַנקט, נאָך אַלע קאָמפּלימענטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין די האַלעלויעס [הללויות] זייער גרויסן, שיינעם, קלוגן, רײַכן, גוטן גאָט,—נאָך אַלעם דעם בעטן זיי אים, ער זאָל זיי באַשערן צו דערלעבן די גרויסע סימכע [שׂמחה], ווען זיי וועלן ווידער זײַן אין יערושאָלאַים [ירושלים], וועלן דאָרט ברענגען קאָרבאָנעס [קרבנות] און וועלן שפּריצן דאָס בלוט פֿון די געקוילעטע שעפּסן אויף די ווענט פֿון דעם הייליקן מיזבייעך [מזבח].

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין דער צײַט פֿון לופֿטשיפֿן און ראַדיאָ, אין דער עפּאָכע פֿון סאָציאַליסטישע רעוואָלוציעס—בעטן פֿרומע ייִדן, גאָט זאָל זיי באַגליקן, אַז זיי זאָלן ווידער קאָנען ברענגען קאָרבאָנעס [קרבנות]!

דורך אויסגעטראַכטע מײַסעס [מעשׂיות] פֿון יעציעס־מיצראַים [יציאת־מצרים], דורך דערציילונגען פֿון איבערנאַטירלעכע וווּנדער, אין וועלכע קיין איין געבילדעטער מענטש קאָן ניט גלויבן, ווײַל ער ווייסט די געזעצן פֿון דער נאַטור און די דערקלערונג פֿון אירע דערשײַנונגען, דורך פֿאַרשיידענע צערעמאָניעס, דינים, בראָכעס [ברכות] און טפֿילעס [תּפֿילות] זוכט די קלעריקאַלע קאַסטע אײַנצוהאַלטן דעם גלויבן אין נאַציאָנאַלן גאָט.

צוזאַמען מיט דער ליבע און מוירע [מורא] פֿאַר דעם גאָט פֿון איסראָעל [ישׂראל] פֿלאַנצן זיי סינע [שׂינאה] און האַס צו אַלע אַנדערע פֿעלקער, וועלכע גלויבן ניט אין יהוה, און דינען אַנדערע געטער. ווען מע עפֿנט די טיר אין מיטן אָפּריכטן דעם סיידער אויף אַרײַנצולאָזן עלייאָהו־האַנאָווי [אליהו הנבֿיא], פֿאַר וועלכן ס׳איז צוגעגרייט אַ באַזונדער בעכער ווײַן, בעטן די האַגאָדע־זאָגער [הגדה] זייער גאָט, ער זאָל אויסגיסן זײַן קאַס [כּעס] אויף די פֿעלקער, וואָס דינען אים ניט און זאָל זיי אין גאַנצן פֿאַרניכטן פֿון דער ערד.

**Azoy flantst eyn di "heylike" Hagode libe tsum eygenem Got un sine tsu fremde mentshn.**

Dos iz di oyfgabe fun yeder religye. In der mitsve tsu shpreytn sine tsvishn farsheydene felker shteyt nit op der rov funem pop, der pop funem ksyondz un der ksyondz funem male. Yeder fun zey dint tray zayn natsyonaln hershndikn ekspluatatorishn klas, un zey ale tsuzamen helfn, durkh farshpreytn fintsternish un umvisnheyt, eyntsuhitn di ekzistirndike ordenung fun eksplatatsye un knekhtshaft.

Dem yontev Peysekh, velkhn di Yidishe koyhanim un "khakhomim" hobn tsugegebn leponem a sheyn fun a frayheyt-yontev, hobn zey in der virklekhkeyt farvandlt in a yontev fun kamf kegn yeder bafrayungs-bavegung fun knekht kegn a hersher. In eyne fun di mayses vegn Yetsies-Mitsraim vert a file dertseylt vegn dem, az draysik toyznt Yidishe giboyrim fun di Bney-Efrayem hobn gevolt mit gever bafrayen zikh fun knekhtshaft, hot zey Got geshtroft, un zey zaynen oysgeharget gevorn derfar, vayl zey hobn zikh farlozn oyf di eygene koykhes un nit gevart biz Got aleyn vet zey bafrayen.

Gloybn in Got, farlozn zikh oyf zayn heylikn nomen, hofn oyf zayn gnod, vartn oyf zayne vunder, moyre hobn far zayn shtrof un libn im far zayn rakhmones, nit farlozn zikh oyf di eygene koykhes—dos iz der tsil fun di ale vunderlekhe mayses. Farshtarkn di libe tsum eygenem natsyonaln got un durkh dem farshtarkn di natsyonalistishe gefiln, shtern der fareynikung fun arbeter fun ale lender un natsyes in

אַזוי פֿלאַנצט איין די „הייליקע” האַגאָדע [הגדה] ליבע צום אייגענעם גאָט און סינע [שׂינאה] צו פֿרעמדע מענטשן.

דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון יעדער רעליגיע. אין דער מיצווע [מיצווה] צו שפּרייטן סינע [שׂינאה] צווישן פֿאַרשיידענע פֿעלקער שטייט ניט אָפּ דער ראָוו [רבֿ] פֿונעם פּאָפּ, דער פּאָפּ פֿונעם קסיאָנדז און דער קסיאָנדז פֿונעם מולאַ [מאַלע]. יעדער פֿון זיי דינט טרײַ זײַן נאַציאָנאַלן הערשנדיקן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס, און זיי אַלע צוזאַמען העלפֿן, דורך פֿאַרשפּרייטן פֿינצטערניש און אומוויסנהייט, איינצוהיטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג פֿון עקספּלאַטאַציע און קנעכטשאַפֿט.

דעם יאָנטעוו [יום־טובֿ] פּייסעך [פּסח], וועלכן די ייִדישע קויהאַנים [כּהנים] און „כאַכאָמים [חכמים]” האָבן צוגעגעבן לעפּאָנעם אַ שײַן פֿון אַ פֿרײַהייט־יאָנטעוו [יום־טובֿ], האָבן זיי אין דער ווירקלעכקייט פֿאַרוואַנדלט אין אַ יאָנטעוו [יום־טובֿ] פֿון קאַמף קעגן יעדער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג פֿון קנעכט קעגן אַ הערשער. אין איינע פֿון די מײַסעס [מעשׂיות] וועגן יעציעס־מיצראַים [יציאת־מצרים] ווערט אַ פֿילע דערציילט וועגן דעם, אַז דרײַסיק טויזנט ייִדישע גיבוירים [גיבורים] פֿון די בניי־עפֿראַיִעם [בני אפרים] האָבן געוואָלט מיט געווער באַפֿרײַען זיך פֿון קנעכטשאַפֿט, האָט זיי גאָט געשטראָפֿט, און זיי זײַנען אויסגעהאַרגעט [אויסגעהרגעט] געוואָרן דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן זיך פֿאַרלאָזן אויף די אייגענע קויכעס [כּוחות] און ניט געוואַרט ביז גאָט אַליין וועט זיי באַפֿרײַען.

גלויבן אין גאָט, פֿאַרלאָזן זיך אויף זײַן הייליקן נאָמען, האָפֿן אויף זײַן גנאָד, וואַרטן אויף זײַנע ווּנדער, מוירע [מורא] האָבן פֿאַר זײַן שטראָף און ליבן אים פֿאַר זײַן ראַכמאָנעס [רחמנות], ניט פֿאַרלאָזן זיך אויף די אייגענע קויכעס—דאָס איז דער ציל פֿון די אַלע ווּנדערלעכע מײַסעס [מעשׂיות]. פֿאַרשטאַרקן די ליבע צום אייגענעם נאַציאָנאַלן גאָט און דורך דעם פֿאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַליסטישע געפֿילן, שטערן דער פֿאַרייניקונג פֿון אַרבעטער פֿון אַלע

kamf kegn zeyere unterdriker, preydikn di fareynikung fun ale klasn in eyn klal-Yisroel arum zeyer eygenem Got,—tsu dem shtrebn itst di Yidishe kley-koydesh, punkt vi di Zelbsthershung hot geshtrebt tsu fareynikn ale klasn fun Rusishn folk arum Pravoslavye.

**A mayse fun frayheyt, kedey ayntsuhaltn lenger in knekhtshaft—dos iz di "Hagode shel Peysekh."**

**A legende vegn Gots shtarkeyt, vegn zayn almekhtikeyt, vunder un kuntsn, a loybgezang Gots koyekh un a farurteylung fun dem mentshns zelbstetikayt un zayn frayheyts-kamf—iz di mayse fun Yetiyes-Mitsraim!**

**Nit keyn frayheyt-yontev, nor a yontev fun gaystiker farshklafung iz Peysekh. Mir darfn azelkhe yontoyvim nit hobn. Mir fayern unzere proletarishe, revolutsyonere emese frayheyt-yontoyvim,** ven dos folk aleyn hot oyfgevakht fun shlof, in velkhn s'hobn es farvigt Gots diner; ven es hot tserisn di keytn fun knekhtshaft un ekspluatatsye, in velkhe s'hobn es farshmidt zayne unterdriker—kapitalistn un pritsim; ven der arbeter-klas aleyn iz mit gever in hant aroysgetrotn als der eygener bafrayer fun zayn klas, **ven er hot zikh opgezogt fun der oysgetrakhter natsyonaler eynheyt tsulib der proletarisher akhdes fun ale lender un felker.**

Ven mir fayern unzere revolutsyonere yontoyvim, farnemen mir zikh nit mit azelkhe kluge pshetlekh vi Rebe Yehuda, Rebe Yosi Haglili,

לענדער און נאַציעס אין קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער, פּריידיקן די פֿאַרייניקונג פֿון אַלע קלאַסן אין איין קלאַל־איסראָעל [כּלל־ישׂראל] אַרום זייער אייגענעם גאָט,—צו דעם שטרעבן איצט די יידישע קליי־קוידעש [כּלי־קודש], פּונקט ווי די זעלבסטהערשונג האָט געשטרעבט צו פֿאַרייניקן אַלע קלאַסן פֿון רוסישן פֿאָלק אַרום פּראַוואָסלאַוויע.

אַ מײַסע [מעשׂה] פֿון פֿרײַהייט, קעדיי [כּדי] אײַנצוהאַלטן לענגער אין קנעכטשאַפֿט—דאָס איז די „האַגאָדע שעל פּייסעך [הגדה של פּסח].”

אַ לעגענדע וועגן גאָטס שטאַרקייט, וועגן זײַן אַלמעכטיקייט, ווונדער און קונצן, אַ לויבגעזאַנג גאָטס קויעך [כּוח] און אַ פֿאַראורטיילונג פֿון דעם מענטשנס זעלבסטעטיקײַט און זײַן פֿרײַהייטס־קאַמף—איז די מײַסע [מעשׂה] פֿון יעציעס־מיצראַים [יציאת־מצרים]!

ניט קיין פֿרײַהייט־יאָנטעוו [יום־טובֿ], נאָר אַ יאָנטעוו [יום־טובֿ] פֿון גײַסטיקער פֿאַרשקלאַפֿונג איז פּייסעך [פּסח]. מיר דאַרפֿן אַזעלכע יאָנטויווים [יום־טובֿים] ניט האָבן. מיר פֿײַערן אונזערע פּראָלעטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע עמעסע פֿרײַהייט־יאָנטויווים [יום־טובֿים], ווען דאָס פֿאָלק אַליין האָט אויפֿגעוואַכט פֿון שלאָף, און ווען ס׳האָבן עס פֿאַרוויגט גאָטס דינער; ווען עס האָט צעריסן די קייטן פֿון קנעכטשאַפֿט און עקספּלואַטאַציע, און ווען ס׳האָבן עס פֿאַרשמידט זײַנע אונטערדריקער—קאַפּיטאַליסטן און פּריצים; ווען דער אַרבעטער־קלאַס אַליין איז מיט געווער אין האַנט אַרויסגעטראָטן אַלס דער אייגענער באַפֿרײַער פֿון זײַן קלאַס, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער אויסגעטראַכטער נאַציאָנאַלער איינהייט צוליב דער פּראָלעטאַרישער אַכדעס [אַחדות] פֿון אַלע לענדער און פֿעלקער.

ווען מיר פֿײַערן אונזערע רעוואָלוציאָנערע יאָנטויווים [יום־טובֿים], פֿאַרנעמען מיר זיך ניט מיט אַזעלכע קלוגע פּשעטלעך [פּשטלעך] ווי רבי

Rebe Elyezer un Rebe Akiva vegn di makes, vos Got hot geshikt oyf di Mitsrim. Di kluge rabonim ampern zikh vegn dem, vifl makes hot geshikt Gots finger un vifl zayn gantse hant; vifl makes hot er geshikt oyf der yaboshe un vifl oyfn yam, un vifl danken darf der Yid gebn dem Reboyne-shel-oylem far yeder Mitsrayemsher make,—mir dertseyln oyf unzere yontoyvim.

Vi shver un dorndik iz der veg fun kamf far frayheyt, vifl unzere beste khaveyrim zaynen umgekumen in di turmes un oyf di tlyes in dem tsarishn Rusland un kumen nokh itst um in di "demokratishe" lender fun Eyrope un Amerike. Vi shtandhaftik un heldnmutik der proletaryat kemft far zayn frayheyt, velkhe partey hot im gefirt in kamf un hot im ongevizn di rikhtike vegn fun bafrayung, un velkhe hot im farratn un ibergegebn in di hent fun zayne sonim. **Mir batrakhtn dem durkhgegangenem veg fun kamf, shatsn op unzere rikhtike kamf-mitlen, farurteyln unzere felern un nemen on mitlen, zey zoln nit ibergekhazert vern.**

Mir dertseyln oykh vegn di makes, **vos di burzhuazye hot geshikt oyfn kemfndikn proletaryat:**

**Milyukov, Tshernov, Krasnov, Kornilov, Kerenski, Tshaikovski, Hots, Petlyure, Denikin, Vrangel, Makhno, Pilsudski, Sheydeman, Noske, Vandervelde.**

Nit tsen, nor hunderter azelkhe makes! Mir dertseyln vegn di

יהודא, רבי יוסי הגלילי, רבי אליעזער און רבי עקיבא וועגן די מאַקעס [מכּות], וואָס גאָט האָט געשיקט אויף די מיצרים. די קלוגע ראַבאָנים [רבנים] אַמפּערן זיך וועגן דעם, וויפֿל מאַקעס [מכּות] האָט געשיקט גאָטס פֿינגער און וויפֿל זײַן גאַנצע האַנט; וויפֿל מאַקעס [מכּות] האָט ער געשיקט אויף דער יאַבאָשע [יבשה] און וויפֿל אויפֿן יאַם [ים], און וויפֿל דאַנקען דאַרף דער ייִד געבן דעם רעבוינע־שעל־אוילעם [רבונו־של־עולם] פֿאַר יעדער מיצראיעמשער מאַקע [מכּה],—מיר דערציילן אויף אונזערע יאָנטויווים [יום־טובֿים].

ווי שווער און דאָרנדיק איז דער וועג פֿון קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט, וויפֿל אונזערע בעסטע כאַוויירים [חבֿרים] זײַנען אומגעקומען אין די טורמעס און אויף די טליעס [תּליות] אין דעם צאַרישן רוסלאַנד און קומען נאָך איצט אום אין די „דעמאָקראַטישע" לענדער פֿון אייראָפּע און אַמעריקע. ווי שטאַנדהאַפֿטיק און העלדנמוטיק דער פּראָלעטאַריאַט קעמפֿט פֿאַר זײַן פֿרײַהייט, וועלכע פּאַרטיי האָט אים געפֿירט אין קאַמף און האָט אים אָנגעוויזן די ריכטיקע וועגן פֿון באַפֿרײַונג, און וועלכע האָט אים פֿאַרראַטן און איבערגעגעבן אין די הענט פֿון זײַנע סאָנים [שׂונאים]. מיר באַטראַכטן דעם דורכגעגאַנגענעם וועג פֿון קאַמף, שאַצן אָפּ אונזערע ריכטיקע קאַמף־מיטלען, פֿאַראורטיילן אונזערע פֿעלערן און נעמען אָן מיטלען, זיי זאָלן ניט איבערגעכאַזערט [איבערגעחזרט] ווערן.

מיר דערציילן אויך וועגן די מאַקעס [מכּות], וואָס די בורזשואַזיע האָט געשיקט אויפֿן קעמפֿנדיקן פּראָלעטאַריאַט:

מיליוקאָוו, טשערנאָוו, קראַסנאָוו, קאָרנילאָוו, קערענסקי, טשאַיקאָווסקי, האָץ, פּעטליורע, דעניקין, ווראַנגעל, מאַכנאָ, פּילסודסקי, שיידעמאַן, נאָסקע, וואַנדערוועלדע.

ניט צען, נאָר הונדערטער אַזעלכע מאַקעס [מכּות]! מיר דערציילן וועגן

makes un vayzn on: **di make iz fun der Kadetisher Partey, di—fun der Eserisher, yene—fun Menshevikes un di—fun PPS.** Eyne fun zey iz oyfn kontrrevolutsyoner, di andere—farshleyert unter a dektukh fun sotsyalizm un demokratye, un ale tsuzamen—glaykhe sonim fun arbeter-klas. **Mir vayzn on, vu zaynen unzere sonim un vu zaynen unzere fraynd. Mir makhn a sakhakl fun unzer fargangener revolutsyonerer tetikeyt un merkn on di vegn fun vayterdikn kamf.**

Anshtot Kries-Yamsuf, dertseyln mir vegn der heldisher gvure fun der Royter Armey ba **Perekop**. Anshtot di krekhtsn fun di Yidn in Mitsraim un Gots vunder, dertseyln mir di virklekhe laydn fun proletaryat un poyertum in zeyer oyfshtand kegn zeyere unterdriker, zeyer heldishn kamf un rumfuln zig.

Anshtot tsu dertseyln di vunder, vi Got hot geboyt zayn Beys-Habkhire, zayn Beys-Hamikdesh in Yerusholaim—dertseyln mir vi der proletaryat fun FSSR boyt dem sotsyalizm, in land fun emeser frayheyt un glaykhheyt far ale arbetndike fun ale felker, un mir rufn ale arbeter un poyerim tsu nemen an aktivn onteyl in der grandyezer boyung.

Kont ir itst farglaykhn, khaveyrim, dem rabonishn Peysekh tsum proletarishn Ershtn May, di oysgetrakhte mayse fun Yetsies-Mitsraim tsu der proletarisher Oktober-Revolutsye?

Efnt oyf khaveyrim di toyern fun der proletarisher melukhe un

די מאַקעס און ווײַזן אָן: די מאַקע [מכּה] איז פֿון דער קאָדעטישער פּאַרטיי, די—פֿון דער עסערישער, יענע—פֿון מענשעוויקעס און די—פֿון פּ.פּ.ס. איינע פֿון זיי איז אויפֿן קאָנטררעוואָלוציאָנער, די אַנדערע—פֿאַרשלייערט אונטער אַ דעקטוך פֿון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע, און אַלע צוזאַמען—גלײַכע סאָנים [שׂונאים] פֿון אַרבעטער־קלאַס. מיר ווײַזן אָן, ווּ זײַנען אונזערע סאָנים [שׂונאים] און ווּ זײַנען אונזערע פֿרײַנד. מיר מאַכן אַ סאַכאַקל [סך־הכּל] פֿון אונזער פֿאַרגאַנגענער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און מערקן אָן די וועגן פֿון ווײַטערדיקן קאַמף.

אַנשטאָט קריעס־יאַמסוף [קריעת־ים־סוף], דערציילן מיר וועגן דער העלדישער גוווּרע [גבֿורה] פֿון דער רויטער אַרמיי באַ פּערעקאָפּ. אַנשטאָט די קרעכצן פֿון די ייִדן אין מיצראַיִם [מצרים] און גאָטס ווונדער, דערציילן מיר די ווירקלעכע לײַדן פֿון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום אין זייער אויפֿשטאַנד קעגן זייערע אונטערדריקער, זייער העלדישן קאַמף און רומפֿולן זיג.

אַנשטאָט צו דערציילן די ווונדער, ווי גאָט האָט געבויט זײַן בייס־האַבכירע [בית־הבחירה], זײַן בייס־האַמיקדעש [בית־המיקדש] אין יערושאָלאַיִם [ירושלים]—דערציילן מיר ווי דער פּראָלעטאַריאַט פֿון פֿ.ס.ס.ר. בויט דעם סאָציאַליזם, אין לאַנד פֿון עמעסער פֿרײַהייט און גלײַכהייט פֿאַר אַלע אַרבעטנדיקע פֿון אַלע פֿעלקער, און מיר רופֿן אַלע אַרבעטער און פּויערים צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גראַנדיעזער בויוּנג.

קאָנט איר איצט פֿאַרגלײַכן, כאַווײרים [חבֿרים], דעם ראַבאָנישן [רבנישן] פּייסעך [פּסח] צום פּראָלעטאַרישן ערשטן מײַ, די אויסגעטראַכטע מײַסע [מעשׂה] פֿון יעציעס־מיצראַיִם [יציאת־מצרים] צו דער פּראָלעטאַרישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע?

עפֿנט אויף כאַווײרים [חבֿרים] די טויערן פֿון דער פּראָלעטאַרישער

vayzt ale arbeter un poyerim fun der gantser velt, vos gefinen zikh nokh untern yokh fun kapital, vi mir hobn far unzer frayheyt gekemft, un vi mir hobn di makht in unzere eygene hent genumen. Ruft tsu ale arbeter fun der gantser velt: Shteyt oyf kegn ayere sonim! Bafrayt zikh fun ayere farreter! Kumt tsuzamen mit unz, unter der onfirung fun Komunistishn Internatsyonal, in antsheydenem kamf kegn der kapitalistisher velt!

Derbay makht, khaveyrim.

מעלוכע [מלוכה] און ווײַזט אַלע אַרבעטער און פּויערים פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָס געפֿינען זיך נאָך אונטערן יאָך פֿון קאַפּיטאַל, ווי מיר האָבן פֿאַר אונזער פֿרײַהייט געקעמפֿט, און ווי מיר האָבן די מאַכט אין אונזערע אייגענע הענט גענומען. רופֿט צו אַלע אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט: שטייט אויף קעגן אײַערע סאָנים [שׂונאים]! באַפֿרײַט זיך פֿון אײַערע פֿאַררעטער! קומט צוזאַמען מיט אונז, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט!

דערבײַ מאַכט, כאַווײרים [חבֿרים].

# Koyrekh

**Leygt tsunoyf dem Tsveytn Internatsyonal mit der Felker-Lige, tsvishn zey leygt arayn dem Tsionizm un zogt "yokhluhu," zol zey oyfesn der alveltlekher revolutsyonerer oyfshtand fun proletaryat.**

# קוירעך [כריך]

לייגט צונויף דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מיט דער פֿעלקער־ליגע, צווישן זיי לייגט אַרײַן דעם ציאָניזם [ציוניזם] און זאָגט „יאָכלוהו”, זאָל זיי אויפֿעסן דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער אויפֿשטאַנד פֿון פּראָלעטאַריאַט.

# Halel

Zing dem “Internatsyonal”
Un zog:

**Nider mitn shiml fun doyres!**
**Nider mit di klerikale natsyonalistishe yontoyvim!**
**Zoln lebn di revolutsyonere arbeter-yontoyvim!**

# האַלעל [הלל]

זינג דעם „אינטערנאַציאָנאַל”
און זאָג:

נידער מיטן שימל פֿון דוירעס [דורות]!
נידער מיט די קלעריקאַלע נאַציאָנאַליסטישע יאָנטויווים [יום־טובֿים]!
זאָלן לעבן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־יאָנטויווים [יום־טובֿים]!

JUDAISM / RELIGION

Iskra Books
Olympia | London | Dublin
www.iskrabooks.org

A revolutionary Haggadah for a revolutionary moment. Originally published in 1927 by the Soviet Commissariat for Nationalities, *Haggadah for Believers and Heretics* is a biting political reimagining of the Passover ritual. Moyshe Altshuler, a Jewish Communist organizer, takes the form of the traditional Haggadah and repurposes it as a powerful weapon for revolutionary consciousness, transforming the Exodus story into a lesson on class struggle, socialist internationalism, and the fight against all forms of reaction—including Zionism.

This first-ever English translation, complete with its original Yiddish text, appears at a time when the contradictions of Zionism have reached a breaking point, and as the Palestinian resistance fights for liberation against the Israeli settler-colonial project. In a world where the language of liberation is so often co-opted to justify occupation and apartheid, Altshuler's Haggadah stands as a reminder that Jewish radicalism has always been anti-Zionist, always been internationalist, and has always placed its faith in solidarity, not nationalism. With a new introduction by Noah Leininger situating the text in its historical and political context, this edition is essential reading for those seeking to understand the deep historical roots of Jewish resistance to Zionism, and the necessity of a truly internationalist struggle against imperialism today.

Noah Leininger is a writer, translator, and activist committed to exploring the intersections of Jewish history, socialism, and anti-Zionism. With a background in Yiddish language and radical Jewish traditions, his work focuses on recovering and recontextualizing Jewish leftist texts for contemporary struggles. As the translator and editor of *Haggadah for Believers and Heretics*, he brings Altshuler's revolutionary vision to a new generation, highlighting the deep historical roots of Jewish anti-Zionist resistance.

AN ISKRA BOOK

Cover Design by Ben Stahnke
Book Design by Alessandro Zancan

ISBN 979-8-3485-0062-7
9 798348 500627